# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת משפטים, שבת שקלים, ב' דראש חודש אדר, שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 10, גליון 21 (486)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:10
מוצאי שב"ק....................6:41

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................מלכים-א א'-ב'
בבלי.......................פסחים פ"ד
ירושלמי...............יבמות נ"ג
תוספתא.....................ערכין ה'
רמב"ם.....................אישות י"ג

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם, אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע סֶדְרָה לֶערְנְט אוּנְז דִי תּוֹרָה דִי הֲלָכוֹת וָואס זֶענֶען פַארְהַאן בַּיים הַאנְדְלֶען מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, וִוי אַזוֹי מְ'דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ בַּא'גַנְבְ'עֶנֶען אַ צְוֵייטְן, נָאר הַאנְדְלֶען מִיט יוֹשֶׁר אוּן עֶרְלִיכְקֵייט, אוּן וֶוען סְ'אִיז דָא אַ סִכְסוּךְ צְווִישְׁן צְוֵויי אִידְן, וִוי אַזוֹי דָאס דַארְף צוּ בַּאהַאנְדְלְט וֶוערְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ר"פ), וֶוען אַ אִיד דַארְף גֵיין צוּ דִין תּוֹרָה, אִיז דָאס אַ שְׁטְרָאף וָואס דִי תּוֹרָה גֶעבְּט אִים. וַוייל בֶּאֱמֶת דַארְף אַ אִיד וִויסְן אַז אַלֶע גֶעשֶׁעפְטְן וָואס עֶר פִירְט אִיז אֵיין שְׁטִיק תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע זָאגְט אַז אוֹיב וֶוען מְ'לֶערְנְט דִי הֲלָכוֹת פוּן "הַמַּחְלִיף פָּרָה בַּחֲמוֹר" אִיז דָאס תּוֹרָה, אִיז דָאךְ זִיכֶער וֶוען אַ אִיד אִיז מְקַיֵּים דִי הֲלָכוֹת, עֶר טוּט מַמָּשׁ דִי זַאכְן לוֹיט וִוי אַזוֹי דִי תּוֹרָה הֵייסְט, אִיז עֶס דָאךְ זִיכֶער תּוֹרָה. וֶוען אַ אִיד גֵייט אַרוֹיס אַרְבֶּעטְן אוּן מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, דַארְף עֶר טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן דִי תּוֹרָה אוּן דִי הֲלָכוֹת וָואס זֶענֶען דָא בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, אוּן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְצוּרִירְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

וֶוען מְ'פַארְגֶעסְט אָבֶּער פוּן דֶעם, מְ'וֶוערְט פַארְנוּמֶען נָאר מִיט דִי גֶעשֶׁעפְטְן אַלֵיין, מְ'נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ דִי תּוֹרָה וָואס לִיגְט אִין יֶעדֶע זַאךְ, דַאן אִיז דַיין עוֹנֶשׁ אַז עֶר מוּז גֵיין צוּ דִין תּוֹרָה, אוּן דֶעמָאלְט מוּז עֶר דָאךְ אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְן אַלֶע זַאכְן, אוּן אֲפִילוּ אַלֶע מַחְשָׁבוֹת, וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיים גֶעשֶׁעפְט פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיזְ'ן סוֹף, אוּן דִי דַיָּינִים הֶערְן דָאס אַלֶעס אוֹיס אוּן לוֹיט דֶעם פַּסְקְ'עֶנֶען זַיין דִי דִין תּוֹרָה, קוּמְט אוֹיס אַז יֶעצְט הָאט עֶר צוּרִיק אַלֶעס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ סַיי וואו נָאר גֶעפוּנְט זִיךְ, **אַ אִיד טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאר אִין שׁוּל, בַּיים דַאוְונֶען אוּן בַּיים לֶערְנֶען**, אוּן וֶוען עֶר גֵייט אַרוֹיס צוּ דִי אַרְבֶּעט פַארְגֶעסְט עֶר חַס וְשָׁלוֹם פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לָאזְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי זַייט, נָאר גוּט וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים אַלֶעמָאל, סַיי וואו אַ מֶענְטְשׁ גֶעפוּנְט זִיךְ נָאר, **סַיי אִין וֶועלְכֶע מַצָּב אַ אִיד דַארְף אָנְקוּמֶען, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלְץ מִיט אִים**, אֵייבִּיג אִיז דָא הֲלָכוֹת וָואס מְ'דַארְף גֶעדֶענְקֶען מְקַיֵּים צוּ זַיין, אוּן אַלְץ דַארְף מֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן י"ג) **אַז אַמָאל אִיז דָא גָאר טֵייעֶרֶע דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס קוּמֶען אַרוֹיס דַוְקָא וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה**, עֶס גֵייט אִים שְׁוֶוער זַאכְן, אוּן דַאן זָאגְט עֶר אַרוֹיס בֶּאֱמֶת זַיין גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט מִיט פַּרְנָסָה, דַארְף עֶר וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים אַלֶעמָאל, עֶר זָאל גֶעדֶענְקֶען צוּ הִיטְן אַלֶע הֲלָכוֹת, נִישְׁט צוּ בַּא'גַנְבְ'עֶנֶען אַ צְוֵייטְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאל עֶר זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אִים שְׁוֶוער אִין פַּרְנָסָה, עֶר זָאל וִויסְן אַז אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן קוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְ'ן צִיל אִים צוּ דֶערְמַאנֶען צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט דִי גַאנְצֶע פַּרְנָסָה זַיין אֵיין שְׁטִיק תּוֹרָה אוּן אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

(תּוֹךְ הַנַּחַל מִשְׁפָּטִים תשע"ב)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה

וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר, הֵייבְּט מֶען שׁוֹין אָן צוּ שְׁפִּירְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים, אִין יְרוּשַׁלְמִי (רֵישׁ מַסֶּכֶת מְגִילָה) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אַז אִין גַאנְץ חוֹדֶשׁ אָדָר קֶען מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילָה, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (או"ח תרפ"ח, ז') אַז וֶוער עֶס פָארְט אַרוֹיס אוֹיף אַ וַוייטֶע וֶועג אוּן עֶר קֶען נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז פּוּרִים, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט מִיטְנֶעמֶען אַ מְגִילָה, קֶען עֶר שׁוֹין לֵיינֶען דִי מְגִילָה פוּן אָנְהוֹיבּ חוֹדֶשׁ אָדָר, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז גְלַייךְ אִין אָנְהוֹיבּ חוֹדֶשׁ אָדָר, אִיז שׁוֹין דָא דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן פּוּרִים.

דֶערְפַאר זָאגְן חֲזַ"ל (תַּעֲנִית כ"ו:) "מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", גְלַייךְ וֶוען מֶען טְרֶעט אַרַיין אִין חֹדֶשׁ אָדָר דַארְף מֶען פַארְמֶערְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן חֲזַ"ל זֶענֶען מְדַיֵּיק "מַרְבִּין" - מֶען דַארְף "פַארְמֶערְן" מִיט שִׂמְחָה, וַוייל בֶּאֱמֶת הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה "תָּמִיד", אַ גַאנְץ יָאר דַארְף מֶען אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ; נָאר חוֹדֶשׁ אָדָר דַארְף מֶען נָאךְ מֶער פַארְמֶערְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן טוּן אַלֶעס וָואס מֶען קֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶערְפַאר פִירְט מֶען זִיךְ אַז וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר, הֶענְגְט מֶען אוֹיף גְרוֹיסֶע טָאוְולֶען "מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", צוּ דֶערְמַאנֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מֶען זָאל גֶעדֶענְקְן צוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן טוּן אַלֶע פְּעוּלוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן מִיט דֶעם

<<<<<<

## א גוט ווארט

### וָואס וִוילְסְטוּ, קִינְדֶער שׁוֹטִים?

קִינְדֶער טִפְּשִׁים?! דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן קז): "הַבָּנִים שׁוֹטִים, כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעֲסָן", קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף שׁוֹטִים וֶוען דֶער טַאטֶע רֶעגְט זִיךְ; כַּעַס אִין שְׁטוּבּ מַאכְט חָרוּב דִי קִינְדֶער, אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי פַּרְנָסָה אוּן עֶס מַאכְט חָרוּב דָאס לֶעבְּן; הֶער זִיךְ אוֹיף צוּ בֵּייזֶערְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, הֵייבּ אָן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה. קֵיינֶער אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג אִין דַיין לֶעבְּן, אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוארְף נִישְׁט דִי שׁוּלְד אוֹיף דֶעם, אוֹיף יֶענֶעם אוּן זִיכֶער נִישְׁט אוֹיף דַיין וַוייבּ, וָואס אִיז זִי שׁוּלְדִיג אִין דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיסְגֶעבְּן דַיינֶע נֶערְוְון אוֹיף אִיר?! פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיסְגֶעבְּן דַיין כַּעַס אוֹיף אִיר?

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִשְׁפָּטִים תשפ"א)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## אוֹיף אֵיינֶעם וָואס טוּט, הָאבּ מֶען אַלְץ טַעֲנוֹת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת בֹּא, ז' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט מִיט דֶעם וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת.

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פוּנֶעם תּוֹלְדוֹת צְבִי ד'סְפִּינְקָא רֶבִּי שְׁלִיטָ"א; פָאריגֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ אִים גֶעטְרָאפְן בַּיי אַ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחָה, עֶר הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶועְן אִיךְ זָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי אַרְבֶּעט פוּן מְחַזֵּק זַיין בָּחוּרִים, אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא טַעֲנוֹת וְכוּ'.

מִיר זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין גַאס, וַוייזְט עֶר מִיר: "קוּק, אַ קַאר וָואס אִיז פַּארְקִירְט מַאכְט נִישְׁט קַיין עֶקְסִידֶענְטְס, אַ קַאר וָואס פָּארְט מַאכְט עֶקְסִידֶענְטְס; אַזוֹי אוֹיךְ אֵיינֶער וָואס טוּט גָארְנִישְׁט, אוֹיף אִים הָאט מֶען נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת, עֶר אִיז אַזוֹי וִוי אַ גֶעפַּארְקְטֶע קַאר, מַה שֶּׁאֵין כֵּן דֶער וָואס טוּט, אוֹיף אִים אִיז דָא טַעֲנוֹת".

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי וֶוערְטֶער, נִישְׁט שְׁוַואךְ וֶוערְן וֶוען מֶען רֶעדְט וְכוּ' אוּן מֶען הָאט טַעֲנוֹת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשפ"א)

>>>>>>

וָואס מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיז מֶען מִיט דֶעם מַמְשִׁיךְ אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס קוּמְט אַרָאפּ אִין דִי טֶעג.

דִי גְמָרָא זָאגְט (בֵּיצָה ט"ו:) "הָרוֹצֶה שֶׁיִּתְקַיְּמוּ נְכָסָיו יִטַּע בָּהֶן אָדָר, שֶׁנֶּאֱמַר אַדִּיר בַּמָּרוֹם ה'", בִּפְשַׁטוּת מֵיינְט עֶס אַז וֶוער עֶס וִויל אַז זַיינֶע פֶעלְדֶער זָאלְן גוּט וַואקְסְן, זָאל עֶר אַיינְפְלַאנְצְן אַ גֶעווִויסֶע גְרָאז וָואס הֵייסְט "אָדָר"; דָאס אִיז אָבֶער אוֹיךְ מְרַמֵּז אוֹיף דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, שִׂמְחָה, ח"ב, א) "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶעס. אוּן דֶערְפַאר זָאגְן דִי חֲזַ"ל "הָרוֹצֶה שֶׁיִּתְקַיְּמוּ נְכָסָיו", וֶוען אֵיינֶער וִויל מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיּוֹת וּבְגַשְׁמִיּוֹת, "יִטַּע בָּהֶן אָדָר", זָאל עֶר בַּיי זִיךְ אַיינְפְלַאנְצְן דִי מִדַּת הַשִּׂמְחָה פוּן חוֹדֶשׁ אָדָר, אוּן דִי שִׂמְחָה וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוּן הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג מַצְלִיחַ זַיין.

### בִּין אִיךְ טַאקֶע פְרֵיילִיךְ?

וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן אוֹיבּ עֶר אִיז טַאקֶע פְרֵיילִיךְ? וֶוען דִי שִׂמְחָה גִיסְט זִיךְ אִיבֶּער, אוּן מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אוֹיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן, דֶעמָאלְט וֵוייסְט מֶען אַז מֶען אִיז בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ.

אוּן דֶערְפַאר זֶעט מֶען אַז דִי מִצְוֹת פוּן חוֹדֶשׁ אָדָר זֶענֶען פוּל מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט עֶר טוּן צְדָקָה וָחֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן אוֹיךְ.

עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט שַׁבָּת שְׁקָלִים, וָואס מֶען רוּפְט שׁוֹין אוֹיס צוּ גֶעבְּן שְׁקָלִים, צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן דֶערְנָאךְ עֶרֶב פּוּרִים פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ גֶעבְּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל פַאר צְדָקָה, אוּן דֶערְנָאךְ פּוּרִים אַלֵיינְס אִיז דָאךְ פִיל נָאר מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד; מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים, סְעוּדַת פּוּרִים מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוּן פְרַיינְד, אוּן אוֹיךְ פוּן פּוּרִים וָואס אִיז דְרַייסִיג טֶעג פַאר דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, הֵייבְּט מֶען שׁוֹין צוּזַאם נֶעמֶען קִמְחָא דְפִסְחָא פַאר אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח; קוּמְט אוֹיס אַז גַאנְץ חוֹדֶשׁ אָדָר אִיז פַארְבִּינְדֶען מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, וִויל עֶר אוֹיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד.

### תְּשׁוּבָה מִיט שִׂמְחָה

אַזוֹי וִוי חֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז אַ חוֹדֶשׁ וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מִיִּרְאָה, מֶען הָאט מוֹרָא פוּנֶעם יוֹם הַדִּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ אַ גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ מִיט תְּשׁוּבָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין בְּדִין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְשְׁרַייבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דֶער חוֹדֶשׁ אָדָר אַ חוֹדֶשׁ וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, אָבֶער יֶעצְט אִיז עֶס תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה אוּן מִיט שִׂמְחָה, אוּן מִיט דֶעם גְרֵייט מֶען זִיךְ צוּ צוּם חוֹדֶשׁ נִיסָן וָואס אִיז דֶער חוֹדֶשׁ הַגְּאֻלָּה, בְּנִיסָן עֲתִידִין לְהִגָּאֵל, אוּן מִיט דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ קֶען מֶען פַארֶערְכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (הַשְׁמָטוֹת לְחַיֵּי מוֹהֲרַ"ן) אַז אָדָר אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן ר'אשׁ דְ'בָרְךָ אֶ'מֶת. קֶען זַיין דֶער פְּשַׁט לוֹיט וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (קִידּוּשִׁין ל"א.) אוֹיף דֶעם פָּסוּק ר'אשׁ דְ'בָרְךָ אֶ'מֶת, פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם דִי גְמָרָא "רֹאשׁ דְּבָרְךָ וְלֹא סוֹף דְּבָרְךָ?" - נָאר דִי אָנְפַאנְג וֶוערְטֶער זֶענֶען אֱמֶת, אוּן דִי סוֹף נִישְׁט? זָאגְט דִי גְמָרָא "אֶלָּא מִסּוֹף דְּבָרְךָ נִיכָּר שֶׁרֹאשׁ דְּבָרְךָ אֱמֶת", פוּנֶעם סוֹף זֶעהט מֶען אַז דִי אָנְפַאנְג אִיז אוֹיךְ אֱמֶת.

דָאס קֶען זַיין אִיז דֶער רֶבִּי מְרַמֵּז, אָדָר אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת ר'אשׁ דְ'בָרְךָ אֶ'מֶת, אַז חוֹדֶשׁ אָדָר וָואס אִיז דֶער לֶעצְטֶער חוֹדֶשׁ פוּנֶעם סֵדֶר הַחֳדָשִׁים, וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִין דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיז מֶען מִיט דֶעם מְתַקֵּן דִי אַלֶע חֳדָשִׁים וָואס מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, וַוייל פוּן דֶעם לֶעצְטְן חוֹדֶשׁ, וֶוען מֶען אִיז דֶעמָאלְט פְרֵיילִיךְ, וַוייזְט מֶען מִיט דֶעם אַז מֶען הָאט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר, אוּן עֶס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט וִוי מֶען וָואלְט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, זָאגְט דִי גְמָרָא (יוֹמָא פ"ו:) אַז דֶעמָאלְט וֶוערְן אַלֶע עֲבֵירוֹת אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוֹיף מִצְוֹת; דֶערְפַאר וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר אוּן מֶען טוּט תְּשׁוּבָה בְּשִׂמְחָה וֶוערְט מְקוּיָּם ר'אשׁ דְ'בָרְךָ אֶ'מֶת, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט, אַז פוּן סוֹף יָאר וֶוערְט דִי גַאנְצֶע יָאר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּם גוּטְן, אַלֶע עֲבֵירוֹת וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ מִצְוֹת.

### וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ?

צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ קוּמְט אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, אַלֶע אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת זֶענֶען אַסַאךְ גְרִינְגֶער צוּ טוּן וִוי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן, בִּיטֶערְנִישְׁן אוּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אוּן דָאס צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַ מֶענְטְשׁ, מֶען פַארְלִירְט דִי מוּט, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶערְפַאר אִיז דֶער עִיקָּר גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן אֲפִילוּ מִיט אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ, זָאל עֶר נָאךְ אַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ. וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אוּן דֶעמָאלְט אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ אִיז דָאס בִּכְלָל נִישְׁט קַיין קוּנְץ, נָאר פַארְקֶערְט וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט דֶערְקֶענְט זִיךְ דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד.

שִׂמְחָה קוּמְט דוּרְךְ אֱמוּנָה, וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, עֶר הֶעלְפְט אִים, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֶעשֶׁעט אִיז נִישְׁט פּוּנְקְט גֶעשֶׁעְן בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, נָאר יֶעדֶע זַאךְ מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, וָואלְט עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ תּוֹרָה מִיט מִצְוֹת וָואס מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְקַיֵּים זַיין, דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, ווִיפִיל יָאר לֶעבְּט שׁוֹין אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט? "יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה", אוּן אַז מֶען כַאפְּט נָאךְ אַרוֹיס גוּטֶע זַאכְן אִין דִי עֶטְלִיכֶע יָאר, קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם.

פַארְוָואס הִיט מֶען שַׁבָּת? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן. פַארְוָואס עֶסְט מֶען כָּשֵׁר'ס? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן. פַארְוָואס הָאבְּן מִיר אַ מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר? פַארְוָואס קוּשְׁן מִיר דִי מְזוּזָה? וַוייל אִין דִי מְזוּזָה שְׁטֵייט קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם, אוּן מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דֶעם. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע מִצְוֹת וָואס יֶעדֶער אִיד טוּט, קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן דֶערְמִיט, אוּן דָאס וַוייזְט אַז מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְפִילַת אַפַּיִם, הֲלָכָה ד') אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי רִשְׁעוּת פוּן הָמָן וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, "וְדָתֵיהֶם שׁוֹנוֹת מִכָּל עָם", הָמָן הָאט גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ יֶעדֶע פָאלְק אוּן לַאנְד הָאט אוֹיךְ גֶעזֶעצְן, זֵיי זֶענֶען אָבֶּער נִישְׁט פְרֵיילִיךְ עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין; בַּיי דִי אִידְן אָבֶּער, וֶוען זֵיי טוּעֶן מִצְוֹת זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן דָאס הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעקְרֶענְקְט פַאר הָמָן, דָאס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, וַוייל אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת, אִיז אַ סִימָן אַז עֶס לִיגְט אִין דֶעם אַ הֶעכֶערֶע כֹּחַ.

דָאס קֶען מֶען טַאקֶע זֶען אַז דִי גֶעזֶעצְן פוּנֶעם לַאנְד זוּכְט מֶען נָאר וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּשְׁפִּילְן, וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט וֶועט מֶען זִיךְ אַרוֹיס דְרֵייעֶן; אִידִישֶׁע קִינְדֶער פָאלְגְן אָבֶער דִי תּוֹרָה וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעהֵייסְן אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶערְמִיט.

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ נִישְׁט זֶען דֶעם גֵיהִנּוֹם", אוּן יֶענֶער הָאט עֶס טַאקֶע מְקַיֵּים גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

### דֶער טָאג וֶועט סַיי וִוי אַרִיבֶּער גֵיין

צִי עֶס גֵייט גוּט אָדֶער שְׁלֶעכְט, וֶועט דֶער טָאג סַיי וִוי אַרִיבֶּער גֵיין. מִמֵּילָא פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אִינֶעם טָאג? חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא, שְׁמִינִי)

<<<<<<

>>>>>>

"אֵין הַשִּׂמְחָה מַמְתֶּנֶת לָאָדָם, לֹא כָּל מִי שֶׁשָּׂמֵחַ הַיּוֹם שָׂמֵחַ לְמָחָר", דָאס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ גֶעדֶענְקֶען, וַוייל גֶעווֶענְלִיךְ וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁוֶועֶרֶע טָאג, זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי ווִי מֶען ווִיל, אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; מֶען טְרַאכְט "מָארְגְן וֶועט זַיין אַ בֶּעסֶערֶע טָאג, מָארְגְן וֶועל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ", דֶערְפַאר זָאגְן אוּנְז דִי חֲזַ"ל: וַוארְט נִישְׁט אוֹיף מָארְגְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל ווִי אַזוֹי ווֵייסְטוּ וָואס מָארְגְן וֶועט זַיין? פְּרוּבִּיר צוּ זַיין הַיינְט פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי אַזוֹי דִי מַצָּב אִיז, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶעס, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז עֶר מַצְלִיחַ.

דִי בְּחִירָה לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, ווִי אַזוֹי עֶר זָאל אָנְנֶעמֶען זַיין לֶעבְּן, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט "רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַארְן מֶענְטְשׁ אַ טָאג, אוּן עֶר קֶען מִיט דֶעם מַאכְן אַ בְּרָכָה אָדֶער אַ קְלָלָה, פְרֵיילִיךְ אָדֶער טְרוֹיעֶרִיג, מֶען קֶען אָנְנֶעמֶען דֶעם טָאג גוּט, קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן מֶען קֶען אַלֶעס אָנְנֶעמֶען שְׁלֶעכְט, אוּן זַיין טְרוֹיעֶרִיג, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים", וֶועל אוֹיס דָאס לֶעבְּן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס.

עֶס אִיז נִישְׁט דָא מֶער אַ גְלִיקְלִיכֶערֶע מֶענְטְשׁ פוּן אֵיינֶעם וָואס גֶעבְּט זִיךְ איבער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווֵייסְט אַז עֶר אִיז אִין גוּטֶע הֶענְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים אוּן עֶר וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג הֶעלְפְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

### דֶער עִיקָר אִיז פְרֵיילִיךְ

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי עוֹזֵר, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', מִיט פוּלְסְטְן בְּרֶען אוּן עֶרְנְסְטְקֵייט, אוּן פוּן זַיין גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה הָאט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען צוּגֶעלֵייגְט, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זָאגְן אוֹיף דִיר עוֹזֵר אַז דוּ בִּיזְט פְּרוּם [עֶרְנְסְט]; אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי'ן, נָאר דֶער עִיקָר אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַבִּיסְל פְּרוּם אוֹיךְ". דָאס מֵיינְט אַז דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף שִׂמְחָה, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, צוּ הָאבְּן נָאר גוּטֶע מִדּוֹת, דַארְף עֶר קוֹדֶם בֶּעטְן אוֹיף אֵיין מִדָּה אוּן אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף דֶעם בִּיז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִדָּה, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר גֵיין צוּ דִי צְוֵוייטֶע אוּן צוּ דִי דְרִיטֶע אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶּער דִי שְׁאֵלָה, פוּן וואוּ הֵייבְּט מֶען אָן? וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוֹיף וֶועלְכֶע מִדָּה זָאל מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעטְן?

דִי עֶרְשְׁטֶע מִדָּה אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן אִיז אוֹיף שִׂמְחָה, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּגֶעלֵייגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ פַאלְט שׁוֹין מְמֵילָא אַוֶועק אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, וָואס קוּמֶען פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַלֶע גוּטֶע מִדּוֹת.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ אִין חוֹדֶשׁ אָדָר, אוּן נָאךְ מֶער וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ חֹדֶשׁ אָדָר וְעֶרֶךְ שִׂמְחָה חֵלֶק ז' ח' י' י"ג)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (צה)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶעם רָשָׁע גַאנְטֶע מִיט דִי הֵיידַאמַאקֶן, יִמַּח שְׁמָם וְזִכְרָם, דֶערְנֶענְטֶערְן זִיךְ צוּם שְׁטָאט אוּמַאן, פִילֶע אִידְן פוּן דִי אַרוּמִיגֶע גֶעגְנְטֶער קוּמֶען אַרַיין אִין שְׁטָאט, וֶועלְנְדִיג זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן זַיינֶע בְּלוּטִיגֶע הֶענְט.**

עֶס הָאבְּן זִיךְ דַאן צוּזַאמְגֶענוּמֶען אִין אוּמַאן, פוּן דִי אַלֶע שְׁטֶעטְלֶעךְ אוּן דֶערְפֶער אַרוּם אוּן אַרוּם, דְרַייסִיג טוֹיזְנְט אִידִישֶׁע נְפָשׁוֹת, מֶענֶער פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער.

דֶער בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִּיק רֶבִּי דָוִד חַזָן הָאט גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אוּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט זֵיי אִינֶעם הֵייל, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פוּן זֵיי.

דֶערְנָאךְ אִיז גַאנְטֶע מִיט זַיין בַּאנְדֶע אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ חוּפָּה אִין הוֹיף פוּן דִי שׁוּל, אוּן אוּנְטֶער דִי חוּפָּה הָאט עֶר גֶעשְׁטֶעלְט אַ שְׁתִי וְעֶרֶב, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן, "וֶוער סְ'וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין אוּנְטֶער דִי חוּפָּה אוּן זִיךְ בּוּקְן צוּם צֶלֶם, וֶועט בְּלַייבְּן לֶעבְּן".

אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען דָאךְ אַזוֹי הֵיילִיג אוּן טֵייעֶר, עֶס הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעפוּנֶען אֲפִילוּ נָאר אֵיין אִיד וָואס הָאט גֶעוָואלְט אוּנְטֶערְגֵיין אוּנְטֶער דִי

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## ווִי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען דִי נֶערְוְון?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ נֶעם מֶעדֶעצִינֶען וַוייל אִיךְ לַייד אוֹיפְ'ן נֶפֶשׁ, אַפָּאר וָואכְן צוּרִיק הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן שְׁטַארְק הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף דֶעם, אוּן אוּן אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דֶערְפוּן זֵייעֶר אַ גוּטֶע גֶעפִיל וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט פַאר יָארְן לַאנְג, פִיל מֶער פוּן אַלֶע מַיינֶע מֶעדֶעצִינֶען.

דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי וָואכְן בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַבִּיסְל שְׁוַואכֶער מִיט דִי הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן צוּרִיק מֶער דֶעפְּרֶעסְט, נֶעכְטְן בַּייַנַאכְט אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים פוּן שׁוּל הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גוּטֶע גֶעפִיל.

יְיַשֵׁר כֹּחַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר אָטֶעם אוּן יְיַשֵׁר כֹּחַ אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה בְּרֶענְגְט מִיר צוּ עוֹלָם הַזֶּה אוּן צוּ עוֹלָם הַבָּא.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַלֶע נֶערְוְון קוּמְט פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען - אִיז אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס לַיידְן מַחֲלוֹת בְּלוֹיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן נֶעבֶּעךְ. זָאגְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחֲלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט הֶעלְפְּט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי יִסּוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט פוּן אַלֶע סָארְט יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ; עֶס פַּיינִיגְט זֵיי פוּן אִינֶעוֵוינִיג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

**אִיךְ הָאבּ פֶערְזֶענְלִיךְ מִיטְגֶעהַאלְטְן אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת ווִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פוּן דִי אַלֶע זַאכְן, עַד כְּדֵי כַּךְ זֵיי זֶענֶען אַרָאפּ פוּן מֶעדֶעצִין - דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה זֵייעֶר עֶרְנְסְט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִין דִי צְוֵויי נְקוּדוֹת, אֵיינְס אִין הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; צְוֵוייטְנְס, זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען עֶרְנְסְט דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד** (כַּמְּבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), **זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אוּן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא - אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אוּן גֶעזָאגְט בְּלִי הֲבָנָה כְּלַל בִּיז זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה יִתְרוֹ תשפ"א)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

חוּפָּה. אוּן דַאן הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן הַרְגְ'עֶנֶען אִידְן אוֹיף אַ גְרוֹיסְן פַּארְנֶעם מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע אַכְזָרִיוּת, סְ'אִיז גֶעוֶוען דָארְט גֶעפֶערְלִיכֶע וֵויי גֶעשְׁרֵייעֶן פוּן דִי צַעַר אוּן יִסוּרִים וָואס זֵיי הָאבְּן נֶעבֶּעךְ גֶעלִיטְן. אִין אָנְהוֹיבּ הָאבְּן גֶעוִויסֶע אִידְן פְּרוּבִּירְט מִלְחָמָה צוּ הַאלְטְן מִיט זֵיי, דִי קַצָּבִים אוּן בַּעֲלֵי עֲגָלוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאבְּן פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ שְׁלָאגְן מִיט דִי רוֹצְחִים, אוּן סְ'אִיז זֵיי טַאקֶע גֶעלוּנְגֶען צוּ הַרְגְ'עֶנֶען אַסַאךְ פוּן דִי רוֹצְחִים, אָבֶּער צוּם סוֹף זֶענֶען זֵיי אַלֶע לֵיידֶער גֶע'הַרְגְ'ט גֶעוָוארְן.

דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁחִיטוֹת הָאבְּן אָנְגֶעהַאלְטְן פַּאר דְרֵיי טֶעג, ו' ז' אוּן ח' תַּמּוּז תקכ"ח, דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע וֵויי גֶעשְׁרֵייעֶן הָאבְּן אָנְגֶעהַאלְטְן פַּאר דְרֵיי טֶעג אוּן נֶעכְט, סְ'אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ פְּחָדִים נוֹרָאִים. רֶבִּי דָוִד חַזָן מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעהֶערְט אִין דִי מְעָרָה דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע קוֹלוֹת, אוּן זֵיי הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט אַרוֹיסְצוּגֵיין.

אִינְמִיטְן דִי הֲרִיגוֹת, אִיז דֶער רָשָׁע גַאנְטֶע מִיט טֵייל פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם פֶּעסְטוּנְג פוּנֶעם גְרַאף אוּן אוֹיסְגֶערוּפְן אַז עֶר זָאל עֶפֶענֶען דֶעם טוֹיעֶר אוּן זֵיי גֶעבְּן זַיין גֶעלְט, וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועלְן זֵיי הַרְגְ'עֶנֶען זַיין אֵיינְצִיגֶע טָאכְטֶער. דֶער גְרַאף הָאט גֶעזֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶפְנְט. זֵיי זֶענֶען אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאבְּן סֵיי וִוי גֶע'הַרְגְ'ט זַיין אֵיינְצִיג טָאכְטֶער אוּן גֶערוֹיבְּט זַיין גַאנְצֶע פַּארְמֶעגְן, אוּן דַאן זֶענֶען זֵיי אַנְטְלָאפְן פוּן שְׁטָאט אוּמַאן.

דֶער נָאמֶען פוּן דִי טָאכְטֶער אִיז גֶעוֶוען סָאפְיֶע, יָארְן שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער גְרַאף אַיינְגֶעפְלַאנְצְט אַ גְרוֹיסֶע גָארְטְן אִין שְׁטָאט אוּן עֶס גֶערוּפְן "סָאפְיֶע" אוֹיף אִיר נָאמֶען. דִי גָארְטְן שְׁטֵייט נָאךְ בִּיז הַיינְט אִין אוּמַאן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
# קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה

מיט לויב און דאנק צום אייבערשטן אויף זיינע גרויסע חסדים, וויל איך לאדענען אלע אנשי שלומינו, קרובים וידידים, צו די שמחת החתונה פון מיין זון

**הבחור החתן אלחנן חיים הי"ו**

**עב"ג בת מחותני מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א**

**וואס וועט פארקומען אי"ה**

**מיטוואך תרומה, ה' אדר, הבעל"ט**

**בבית המדרש היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג**

**27 Skillman St.**

**שמחת חתן וכלה בשעה 8:00**

**דער אייבערשטער זאל אייך געבן שמחה ונחת פון אלע קינדער געזונטערהייט**

**יואל ראטה**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'
## שמחת החתונה ביים ראש ישיבה שליט"א

דעם קומענדיגן מיטוואך פרשת תרומה וועט אי"ה פארקומען די חתונה פון א זון פונעם ראש ישיבה שליט"א, החתן מו"ה אלחנן חיים הי"ו, עב"ג בת מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א. די חתונה וועט אי"ה פארקומען אין בית המדרש היכל הקודש ברסלב אין וויליאמסבורג, און אזוי ווי ביי די פריעדיגע חתונות אין בית המדרש, וועט אויך די חתונה נאכט זיין אויפ'ן ביליגסטן פארנעם, אן דעם וואס עס זאל קאסטן א פרוטה פאר די מחותנים.

דער ראש ישיבה שליט"א איז א נאה דורש ונאה מקיים, אזוי ווי ער רעדט כסדר איבער די נארישקייט פון אויסגעבן אידיש געלט ביי א שמחה, א זאך וואס ברענגט נאר צרות און עגמת נפש פאר יעדן איינעם, און דערפאר האט ער איינגעפירט אין די קהלה דאס חתונה מאכן אין בית המדרש, וואס די חתונה נאכט קאסט נישט קיין איין פרוטה פאר די מחותנים, און אזוי האט ער געטון ביים חתונה מאכן בנו בכורו, וואס דעמאלט האט די גאנצע חתונה מאכן, פונעם שידוך שליסן ביז נאך די שבע ברכות, הכל בכל מכל כל, געקאסט ווייניגער פון אכט טויזנט דאלער, וכמעשהו בראשונה כך מעשהו בשניה, וועט דאס מאל אויך פארקומען די חתונה אויפ'ן ביליגסטן פארנעם, און די שמחה וועט זיין אויפ'ן העכסטן פארנעם, מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף.

צוביסלעך ווערט עס מער און מער א פאקט, אז מ'קען חתונה מאכן די קינדער מיט א רואיגע געוויסן, אן דעם וואס ס'זאל דרוקן ביים הארץ, און די מחותנים קענען אהיימגיין נאך די חתונה מיט א שמחה און פרייד אז מ'האט זוכה געווען חתונה צו מאכן די קינדער, אן דארפן אהיימשלעפן א זאק חובות אויף די איינגעבויגענע פלייצעס.

פאר די פרישע פאר-פאלק וועט גארנישט צוהעלפן אין לעבן די טייערע איבריגע צוגעהער וואס מ'געבט אויס לרחצה פון אלע זייטן, בלויז ווייל "יעדער" טוט אזוי, און די עלטערן מוזן זיך נעבעך ספראווען מיט די חובות וואס זיי האבן געבארגט, געשנארט, און גע'גנב'ט בלויז צו קענען אויסזען ווי שיינע אהערגעשטעלטע מחותנים.

ווער ס'האט שוין מיטגעהאלטן מיט די אייגענע אויגן א חתונה אין בית המדרש, ווייסט אז עס פעלט גארנישט פאר די חתונה, די שמחה און פרייד ביי יעדע חתונה באזונדער איז ב"ה אויפ'ן העכסטן פארנעם. יעדער איז פרייליך, יעדער איז צופרידן, גארנישט ווייניגער ווי ביי סיי וועלכע חתונה. צו וואס פעלט אויס צו ווארפן בלוטיגע געלטער פאר די מיסט?

זאל דער אייבערשטער העלפן אז דער זיווג זאל עולה יפה זיין, זיי זאלן אויפשטעלן א בית נאמן בישראל לשם ולתפארת, און דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע זיינע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט.

**קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה!**

***

## הונדערט אינטערוויוס אויף "קול ברסלב"

מיט אומגעפער א יאר צוריק האט זיך געעפנט די אינטערוויוס אפטיילונג אויף "קול ברסלב", און דאס איז גאר שנעל געווארן זייער אויפגעכאפט דורך די פילע טויזנטער טעגליכע אריינרופער.

צענדליגע טויזנטער אידן רופן אריין טאג טעגליך צו "קול ברסלב", זיך אויפצופרישן און זיך מחי' זיין מיט די פילצאליגע אפטיילונגען, די געשמאקע חיזוק פון היליגן רבי'ן וואס בלאזט אריין א פרישע גייסט אנצוגיין אין לעבן, און זיך שטארקן אין אלע מצבים.

די שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א זענען א וועג ווייזער פאר אזויפיל אידישע קינדער, דאס געבט זיי די ריכטיגע הדרכה אין לעבן, צו דינען דעם אייבערשטן און וויסן דעם ריכטיגן וועג ווי אזוי זיך אומצוגיין אין לעבן, האבן א גליקליך לעבן סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

אבער אויסער די שיעורים, ווילן מענטשן אויך מיטהאלטן וואס עס טוט זיך אין די קארידארן פון היכל הקודש, ווי אזוי זאכן גייען צו, ווי אזוי זאכן ווערן געמאכט, ווי אזוי מענטשן נעמען אויף די לימודים, ווי אזוי גייט דאס ארויס אויף דער וועלט, און אזוי ווייטער. און דאס איז ערפילט געווארן דורך די אינטערוויוס אפטיילונג, וואו מ'קען הערן וואס טוט זיך פון הונטער די קוליסן אין אלע צענטערן פון היכל הקודש איבער די וועלט.

יעצט איז אפגעצייכנט געווארן א חשובער מאמענט, ווען די אינטערוויוס האבן אריבערגעשפרייזט דעם נומער הונדערט. איבער הונדערט אינטערוויוס מלא תוכן, וואו מ'הערט אזויפיל אינטערעסאנטע אינפארמאציע אין פילע תחומים.

די אינטערוויוס קען מען הערן דורכ'ן דרוקן 1 פאר אידיש, 7 פאר פאמיליע ווינקל, און דערנאך 5 פאר אינטערוויוס. דאס איז אין צוגאב צו די פילע פארשידנארטיגע אינטערעסאנטע אפטיילונגען אויף "קול ברסלב", צוגעפאסט פאר יעדן איינעם, יעדער זאל זיך קענען טרעפן זיין געשמאקע ווינקל מיט וואס זיך מחי' צו זיין.

**שמעו ותחי נפשכם!**

## עצתו אמונה
## ביי אייער טיר



סובסקרייבט אייך צו באקומען די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף די פאסט

פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך

זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן

**718-387-2691 #3**

**subscribe@kerenhadfusa.org**

## פורים אפטיילונג

**מגילת אסתר פארגעלערנט מיט געשמאק, שיעורים אויף פורים, מעשיות פון פורים פאר קינדער, זיך אויסלערנען ליינען די מגילה, פורים פלעי, און נאך**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**



הפצת הגליון בבארא פארק לשבוע זו נתנדב ע"י מו"ה אברהם יצחק אייזנער הי"ו